הערשל פּאָליאַנקער

# באם קוואל

הערשל פּאָליאַנקער

# באָם קוואַל

## פון מײַנע נאָטיץ־ביכלעך

Одеса
"Маяк"
1995

ББК 84.4.УКР-ЄВР6
П 54
УДК 830.088 (47+57).31

אינעם זאמלבוך זײַנען ארײַן קורצע געשיכטעס,
אנעקדאָטן, שפּריכווערטער, אפאָריזמען, וויצן פונעם
נאָטיץ־ביכל פונעם באוווּסטן ייִדישן שרײַבער
ה.פּאָליאנקער. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אן עמעסן קוואל
פון פאָלקס־כאָכמע.

До збірки увійшли короткі історії, прислів'я, афоризми, анекдоти, жарти із записної книжки відомого єврейського письменника Г. Полянкера. Вони являють собою справжнє джерело народної мудрості.

*На замовлення Міністерства України у справах національностей та міграції*

П 4702210206-001 / 217–95 Без огол.

ISBN 5–7760–0524–8

© Г. І. Полянкер, 1995

# עטלעכע ווערטער פונעם אווטאָר

דו פאָרסט אָפטלעך ארום איבער דער גרויסער וועלט, איבער שטעט און שטעטלעך, גייסט ארום איבער גאסן, געסלעך און פלעצער, באגעגנסט זיך מיט דײַנע לייענער, פארשיידענע מענטשן. די מערהײַט פון זיי האָט ליב דיר עפּעס דערציילן, זיך א כאָכמע טאָן.

גאנץ אָפט הערסטו אזוינס, וואָס דו זאָלסט אפילע זײַן מיט אכצן קעפּ, וועסטו אזעלכס ניט צוטראכטן.

פארוואָס, קלער איך זיך, זאָל מען דאָס ניט פארשרײַבן אינעם נאָטיץ־ביכל, פארגעדענקען? נאָר פארשרײַבן אזוי, אז דײַן מיטשמועסער זאָל עס ניט באמערקן. ווײַל ניט יעדערער וויל זיך ארויסשטעלן, אז דאָס האָט גראדע ער צוגעטראכט, אז דאָס קומט פון זײַן מויל, פון זײַן מויעך. עפּשער האָט ער עס פון עמעצן געהערט, ערגעץ אויסגעלייענט און עס איז בא אים פארבליבן אין זיקאָרן? און גאנץ מעגלעך, אז ער האָט עס דערנאָך צוגעזאלצן און צוגעפּעפּערט, צוגעפּוצט, עס זאָל באקומען א בעסערן, א געשמאקערן טאַם.

און אזוי צי אנדערש, האָט עס שוין א שײַכעס צו דעם, וואָס מע רופט פאָלקס־שאפונג, פאָלקלאָר.

און דאָס איז שוין גאָר־גאָר אן אנדער זאך!

אהער גייען ארײַן אפאָריזמען, שפּריכווערטער, אנעקדאָטן, וויצן, כאָכמעס, פארגלײַכן, געדאנקען, קורצע, נאָר שארפע מײַסעס, געשיכטעס, גראדע יאָ געשטויגן און יאָ געפלויגן.

און מיט דעם מין, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם עמעסן פאָלקס־אויצער פון כאָכמע, קלוגשאפט, כיין,

הומאָר ווערט ביסלעכווײַז פאַרפולט דײַן נאָטיץ־ביכל, ריכטיקער געזאָגט, דײַנע נאָטיץ־ביכלעך, וועג־פאַרצייכענונגען.

אין א פרײַער מינוט לייענסטו זיי ווידעראמאָל און אָבעראמאָל איבער און קלײַבסט פאַרגעניגן. ווירקלעך, א גאנצער אויצער! אן עכטער קוואַל פון פאָלקס־כאָכמע, פאָלקס־שאַפונג, פאָלקס־קלוגשאַפט.

און עס קומט אפן זיקאָרן אונדזער גרויסער שאָלעם־אַלייכעם, וואָס האָט געשאַפן געניאַלע ווערק, אויצרעס פון פאָלקס־הומאָר, אָן א שיר אפאָריזמען, שפּריכווערטער, שאַרפע ווערטלעך, וויצן, אומשעצבאַרע פאָלקלאָר־ווערטן.

לייענסט דעם וווּנדערלעכן קלאַסיקער, און אַלע מאָל שטויסטו זיך אָן אף א פּערל און פאַרטראַכסט זיך: וועמענס איז דאָס, שאָלעם־אַלייכעמס אײַנפאַל צי עפּעס פונעם יִידישן פאָלקלאָר? עס האָט זיך אזוי באַם שרײַבער צונויפגעפלאָכטן, אז דאָס צעטיילן איז פּאָשעט אומעגלעך. און דאָס איז דער בעסטער סימען פון א גרויסן פאָלקס־שרײַבער.

אָט לעמאָשל לייענסטו בא אים:

„לאכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאכן."

„לאכן איז טאקע געזונט, נאָר אז אָך און וויי, אז דער דאָקטער הייסט שוין לאכן."

„פאַראַן ווערטער, וואָס זײַנען טויזנט מאָל ערגער פון פּעטש..."

„בעסער צוויי מאָל פרעגן, איידער איין מאָל בלאָנדזשען."

„א מענטש איז דאָס, וואָס ער וויל זײַן."

„א מענטש איז שוואַכער פון א פליג און שטאַרקער פון אײַזן."

„דאָס בעסטע פערד דאַרף האָבן אַ בײַטש, דער קליגסטער מענטש — אַן אײַצע.“

„דאָס לעבן איז אַ כּיידער, וואָס מע דאַרף אים דורכגיין.“

„צו אַלעס דאַרף מען האָבן מאַזל, אַפילו צום טויט.“

„אַז מע זעט זיך אָן יענעמס צאָרעס, ווערט אַ ביסל גרינגער אויף דער נעשאָמע.“

„גיכער וועט זיך אַ שיקער אויסניכטערן, איידער אַ נאַר וועט קליגער ווערן.“

„וועלן זײַן קליגער פון אַלע איז די גרעסטע נאַרישקייט.“

„דאָס בעסטע מילכיקס איז אַ שטיקל פלייש.“

„אַ מענטש איז געגליכן צו אַ סטאָליער. אַ מענטש לעבט, לעבט און שטאַרבט, און אַ סטאָליער — אויך.“

„טאַלאַנט איז דאָס זעלבע, וואָס געלט. אַז ס'איז דאָ, איז דאָ, אַז ס'איז נישטאָ — איז נישטאָ. און נאָך געדענקען מיר שאָלעם־אַלייכעמס ווערטער.

ער האָט געזאָגט:

„אַ לאַנגע דראָשע פון דעם שענסטן באַל־דאַרשן ווערט אונדז נימעס צו הערן. נאָר קיינמאָל דערעסן ניט די קלוגע שפּריכווערטלעך, וועלכע גיבן אַ געטרײַע אײַצע, וועלכע קומען אונדז צוניץ און וועלכע צווינגען אײַך ערנסט צו פאַרטראַכטן זיך...“

גלענצנד געזאָגט!

טאַקע דערפאַר, באַגעגנסטו עפּעס רעכטס, קלוגס, אײַגנאַרטיקס, פאַרצייכנסטו עס אין דײַנע נאָטיץ־ביכלעך, מיט וועלכע דו צעשיידסט זיך קיינמאָל ניט, דעריקער ווען דו ביסט אין וועג, צווישן מענטשן, בײַס דײַנע פילצאָליקע רײַזעס איבער דער וועלט.

אזוי פּאוואָליע איון ניט געכאַפּט באַמערקסטו, ווי דײַנע ביכלעך ווערן דיקער, גרעבער, איבערגעפּולט מיט כאָכמעס, שפּריכווערטער, אַפּאָריזמען, קורצע מײַסעס, און פאַרטראַכסטו זיך: עפּשער וואָלט טאַקע קעדײַ געווען זיך טיילן מיט באַזונדערע זאַכן דערפון, וואָס דו האָסט צונויפגעקליבן, מיט דײַנע כאַשעווע לייִנער?

שאַטן וועט עס, כאָלילע, קיינעם ניט שאַטן, דאָס קענען מיר גאַראַנטירן. ברענגען נוץ, פאַרגעניגן, פרייד — געוויס יאָ!

איז לאָמיר זיך, כאַשעווער לייענער, לאָזן מיט אײַך אין וועג אַרײַן, צווישן מענטשן, צולייגן אַן אויער און זיך צוהערן, וואָס אונדזער פאָלק רעדט צווישן זיך אויף פּראָסט ייִדיש, אויף אונדזער מאַמע־לאָשן.

# שטאַרקער פֿון אײַזן

— זאָגט מיר נאָר, פּעטער, פֿונוואַנען זײַט איר?
— ווער, איך? איך בין פֿון זשמערינקע... און איר?
— אוי, און איך בין פֿון אײַזן... וואָס זאָג איך — שטאַרקער פֿון אײַזן!

# סקלעראָז

א זעכציקיאָריקע דאמע איז געקומען צו א דאָקטער און געבעטן, ער זאָל זי גוט באַטראַכטן. אויפֿמערקזאם אויסגעהערט די פֿרוי, די פּאַציִענטן, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, מײַן טײַערע, קיין גוטס, צום באַדויערן, קאָן איך אײַך ניט מיטיילן... בא אײַך איז א הויכער בלוט־דרוק, די לונגען זײַנען בא אײַך ניט אין פֿולער אָרדענונג, דאָס האַרץ הינקט אונטער, מיט די נערוון האַלט עס ניט גוט... אַגעוו, וויפֿל זײַט איר אַלט?

— אין צוויי מאָנאַטן אַרום וועט מיר ווערן דרײַסיק דרײַ...

— וואָס? דרײַ און דרײַסיק? — האָט דער דאָקטער זיך פֿאַרכידעשט און איז אַזש אונטערגעשפּרונגען אויפֿן בענקל, — ווײַבאַלד אַזוי, מוז איך צוגעבן, אַז איר לײַדט נאָך אויף איין כאַלאַס... בא אײַך איז א טיפֿער סקלעראָז... מיטן זיקאָרן איז בא אײַך ניט אינגאַנצן רעכט...

## עס האָט געקאָנט זײַן ערגער

לייבעש דער בעקער האָט געהאט אזא טעווע: וואָס מע האָט אים ניט געזאָגט, האָט ער אונטערגעבאָמקעט:

— עס האָט געקאָנט זײַן נאָך ערגער...

דערציילט אים א שאָכן, אז ס'האָט זיך אים געכאָלעמט, אז ער איז געשטאָרבן און מע האָט אים אין גענעם געבראָטן אף אן אָנגעגליטער סקאָוואָראָדקע, זאָגט לייבעש:

— עט... עס וואָלט געקאָנט זײַן ערגער, נאָך ערגער...

— טיפּעש איינער! — צעשרײַט זיך יענער. — וואָס הייסט, עס וואָלט געקאָנט זײַן נאָך ערגער? וואָס קאָן זײַן ערגער, ווי ארײַנפאלן אין גענעם און מע זאָל דיך בראָטן אף אן אָנגעגליטער סקאָוואָראָדקע?

— געוויס וואָלט געקאָנט זײַן ערגער... — האָט לייבעש רויִק געענטפערט. — עס וואָלט געקאָנט זײַן ניט קיין כאָלעם, נאָר אן עמעס...

## א צופאל אפן פּעראָן

דער צוג איז געקומען שפּעט באנאכט קיין הײַסין. הערן די פּאסאזשירן אין די וואגאָנעס, ווי איבערן פּעראָן לויפט ארום עפּעס א בייזער פארשוין און שרײַט, גוואלדעוועט, ווי א ניט־דערשניטענער:

— קופּערשטיין! ווו פּאָרט קופּערשטיין?..

דערהערט דאָס געשריי, האָט איינער א כעלעמער כאָכעם ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין פענצטער.

לויפט צו אים צו דער שרײַער און דערלאנגט אים

צוויי פלאמיקע פעטש, אזש פונקען זײַנען ארויסגעפלויגן פון זײַנע אויגן.

די שכײנים אין וואגאָן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אופגעהויבן א שטארקן געלעכטער, און דער געפאטשטער האָט געלאכט נאָך שטארקער.

רופן זיך אָן צו אים די פאסאזשירן:

— מיילע, פעטער, מיר לאכן, ווײַל עס געפעלט אונדז די מײַסע: איר האָט אזוי אומדערווארט און, דאכט זיך, אומזיסט און אומנישט אָפגעלייזט א פאָר גוטע פעטש פון עפּעס א לעץ. נאָר פארוואָס לאכט איר?

— פארוואָס לאך איך, ווילט איר וויסן? — רופט זיך אָן דער כעלעמער כאָכעם. — פארוואָס זאָל איך ניט לאכן? יענער פאסקודניאק זאָל אזוי האָבן דעם קאָפּ אָף די פלייצעס, ווי איך הייס קופערשטיין... איך הייס, זינט איך לעב אָף דער וועלט, בארנבוים. איז דאָס ניט קיין געלעכטער?..

## אויס שידעך

א יעשיווע־באָכער האָט אנומלט באגעגנט אָף דער מאָלדאוואנקע א שיין, כײנעוודיק מיידל, שטעלט ער זי אָפּ און רופט זיך אָן:

— וואָס מאכט איר, מאניע?

— איך הייס ניט מאניע, איך הייס פראניע! — ווערט אין קאס דאָס מיידל און קוקט אפן באָכער, ווי ריאבטשיק אפן טאטן.

— שא, בייזערט זיך ניט אזוי שטארק! — האָט זיך אָנגערופן דער באָכער. — איר זײַט מיר גראדע געפעלן געוואָרן, ווי נאָר איך האָב אָף אײַך א קוק געטאָן און

אײַך געוואָלט מאכן א פרעדלאָזשעניע, איר זאָלט פאר מיר א כאסענע האָבן, נאָר וויבאלד איר זײַט אזא קאסניצע, אזא בייזע און קריגט זיך מיט מיר פאר אזא קלייניקײַט — איך האָב אײַך אָנגערופן אָנשטאָט פראניע מאניע — וויל איך זיך מיט אײַך ניט אָנהייבן, ווײַל איך וועל האָבן שווארצע יאָרן. איז גייט אײַך געזונטערהייט, און אויס שידעך!

## פארוואָס זײַנען די בלעטלעך אָפּגעשוואכט

צוויי קלײנינקע מיידעלעך פירן צווישן זיך א וויקועך. איינע זאָגט דער צווייטער:

— זע נאָר, מארגאריטקע, די שנייעלעך טאנצן, ווי די באלערינעס אין אָפּערע־טעאטער...

— און די בלעטעלעך פון דיביימער פאלן אַף דער ערד דערפאר, ווײַל זיי זײַנען פארן לאנגן זומער שטארק אָפּגעשוואכט געוואָרן...

— פארוואָס זײַנען זיי אָפּגעשוואכט געוואָרן?

יענע האָט א טראכט געטאָן און געענטפערט:

— זיי זײַנען אָפּגעשוואכט געוואָרן דערפאר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט עסן קיין קאשע מיט מילך...

## א קײַלעכיקער יאָסעם

אין געריכט מישפעט מען א פארשוין, וואָס האָט דערהארגעט זײַנע עלטערן, דעם טאטן מיט דער מאמען.

ווען מע האָט אים געגעבן דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער זיך אופגעהויבן און געזאָגט:

— בירגער ריכטער! בירגער פּראָקוראָר!

פֿאַר די דרײַ טעג, וואָס איר מישפּעט מיך, האָב איך אַ סאַך באַ אײַך געלערנט. איך האָב זיך איבערצײַגט, סאַראַ אופֿריכטיקע, גוטע מענטשן, עמעסע הומאַניסטן איר זײַט...

בעט איך אײַך זייער, ווען איר וועט מיר אַרויסטראָגן דעם אורטייל, האָבן אויף מיר ראַכמאָנעס און געדענקען, אַז איך בין אַ קײַלעכיקער יאָסעם...

## איבערגעקערט דעם פּעלץ

אונדזער שאָכן, דעם אַפּטייקער מוישע קושנירן, איז נימעס געוואָרן זײַן אַ ייִד, און ער האָט באַשטימט זיך שמאַדן, בײַטן די עמונע, ווערן, הייסט עס, אַ פּראַוואָסלאַוונער... און אַזוי ווי ער איז אַ גרויסער אַקשן, אַ וואָרט־מענטש, באַ אים גערעדט איז געטאָן, האָט ער ניט לאַנג געטראַכט און אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אַוועקגעגאַנגען אין קלויסטער אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט.

די גאַלאָכים האָבן אים איבערגעציילעמט, געטאָן, וואָס מע דאַרף, און דער יונגערמאַנטשיק, אַ געשמאַדטער, מיט אַ הויך פֿאַרהויבענעם קאָפּ, מיט גאַדלעס אַרויסגעגאַנגען פֿונעם קלויסטער — ווער איז צו אים גלײַך! ער איז שוין ניט קיין ייִד, אַ פּראַוואָסלאַוונער!

פּלוצעם קומט אים אַנטקעגן זײַנער אַן אַלטער גוטער פֿרײַנט, מיט וועלכן ער איז נאָך קינדווײַז געגאַנגען אין כיידער, דערנאָך אין שול געזעסן אויף איין באַנק, קוקט אויף אים פֿאַרוווּנדערט און פֿרעגט אים:

— זאָג מיר נאָר, רעב מוישע, זאָג מיר, באַל־טאכלעס, וואָס האָסטו דאָרטן געטאָן אין קלויסטער?

יענער טוט אף אים א קוק מיט גאזלאָנישע אויגן, ווי ריאבטשיק אפן טאטן, און צעשרײַט זיך:

— עוּשטנס, זשידאָווסקע מאָרדע, בין איך דיר ניט מוישע, נאָר מויסיי. כוץ דעם, זאָג מיר, פארוואָס האָט איר, זשידעס, אונדזער יעסוס כריסטאָס געקרייצט?!

## דער בייזער זיידע

— זיידעניו, זאָגט מיר, וויפל זײַט איר אלט, אויב דאָס איז ניט קיין סאָד?

— אכצן און דרײַצן, דאָס איבעריקע מינץ! -- צעבייזערט זיך דער אלטער.

— וואָס עפּעס מיט אזא רעציכע, אזא קאס, זיידע?

— איר זאָלט מיר ניט ציילן מײַנע יאָרן. וויפל איך האָב, זײַנען זיי מײַנע.

# אפאָריזמען. שפּריכווערטער. אנעקדאָטן. וויצן

* * *

אויב אײַך איז נימעס געוואָרן דאָס לעבן און איר ווילט נאָך האָבן א צאָרע אין שטוב, טאָ גײט זיך מיט אײַער ווײַב און ברענגט ארײַן אהיים א מאכשײפּע, וואָס איז דרײַ מאָל ייִנגער פון אײַך...

* * *

— וואָס טוט איר עפּעס, רעב נאכמען?

— דאנקען דעם אייבערשטן. איך לייג זיך שלאָפן מיט צאָרעס און שטיי אוף מיט ווייטיקן...

* * *

זאָלסט קיינמאָל ניט האָבן צו טאָן מיט א קליין מענטשעלע. א קליין מענטשעלע וועט דיר קיינמאָל ניט מויכל זײַן, וואָס דו ביסט מיט עטלעכע ווערשקעס העכער פון אים.

* * *

עלטערן לערנען אויס זייערע קינדער ריידן, און שפּעטער לערנען אויס די קינדער זייערע עלטערן שווײַגן.

* * *

א קליין מענטשעלע פרייט זיך, ווען עס באגעגנט א קלענערן פון אים.

* * *

— פאַרוואָס האָבן ליב ווײַבער ריידן אַלע מיטאַמאָל?

— זיי ווייסן, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו הערן...

* * *

די גרעסטע כאָכמע איז ניט ריידן קיין נאַרישקײַטן.

* * *

איך ווייס ניט, ווי איר, נאָר איך האָב ליב הערן קינדער־פּלאַפּלערײַ, נאָר ניט פון דערוואַקסענע מענטשן.

* * *

מײַן שאָכן קאָן אָפּשלאָפן צוויי מעסלעס דורכאַנאַנד. ער־ מיינט, אַז דורך שלאָפן פאַרלענגערט ער זיך די יאָרן.

* * *

בעסער איז צען מינוט לאַכן, איידער דאָס גאַנצע לעבן וויינען.

* * *

עס איז בעסער האָבן צו טאָן מיט איין פרייִלעכן, לעבנסלוסטיקן מענטשן, איידער מיט צען נודניקעס.

* * *

אַז אַ פרוי שרײַט אויף איר ייִנגעלע: "מאַמזער!" — מעגט איר איר גלויבן.

* * *

אַ מאָדנע פרוי: די יוגנט־שיינקײַט איז פון איר פּנים שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, און דער קינדערשער סייכל איז נאָך פאַרבליבן.

* * *

פאַרוואָס איז דער קאַרגער מענטש אַזוי דאַר? ווײַל ער זשאַלעוועט זיך דעם ביסן, און ער עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט, ווען ער אַנטלײַט עמעצן אַ רענדל.

* * *

אויף זײַן פּאָנעם איז געלעגן אַזאַ נעבעכדיקע גרימאַסע, אַזאַ מאָרעשכוירע, גלײַך ווי ער וואָלט אַקאָרשט אופגעשטאַנען פון עם בענקל בײַ אַ ציינדאָקטער, און יענער האָט בײַ אים אַרויסגעריסן אָנשטאָט איין קראַנקן צאָן צוויי געזונטע.

* * *

קיין זאַך עלטערט ניט אַזוי דעם מענטשן, ווי יאָרן.

* * *

אײַך איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צופעליק אַרײַנפאַלן אין דער שטײַג פון אַ טיגער, אַ לעמפּערט? אויב יאָ, דאַרפט איר האָבן אַ פאָרשטעלונג, וויאַזוי עס איז אונדז געווען פריילעך וווינען מיט קלאַרע דאַנילאָווען אין איין קאָמונאַלער וווינונג.

* * *

די מויד האָט אַ קוק געטאָן אויפן מענטשן מיט אַזעלכע ראָצכישע אויגן, אַז דער מאַמעס מילך איז בײַ אים זויער געוואָרן.

* * *

— זאָגט מיר, יונגערמאַן, איר האָט פאַרויכערן? — וואָס זשע, געוויס האָב איך פאַרויכערן. איר זעט דאָך, ווען איך האָב ניט, וואָלט איך געררויכערט קאַדאָכעס.

* * *

די טולטשינער מיידלעך האָבן א מאָדנע טעווע, זיי הייבן אָן לאכן, נאָך איידער מע הייבט זיי אָן קיצלען.

* * *

א ציג האָט אויך א באָרד, נאָר זי איז ניט מער, ווי א ציג.

* * *

א מאָדנע זאך דער זיקאָרן פון א מענטשן: טוסטו אים גוטס, וועט ער עס דיר קיינמאָל ניט מויכל זײַן.

* * *

אז מע לייגט ארײַן אין געשעפט קרענק, נעמט מען ארויס קאדאָכעס.

* * *

איין עמעסער לעץ ברענגט אונדז אמאָל מיט זײַנע קונצן, כאָכמעס, וויצן מער געזונט, איידער צען אפטייקן מיט זייערע רעפועס, זעקס דאָקטוירים מיט זייערע אייצעס.

* * *

די שענסטע פרויען זײַנען בלאָנדע, די סאמע לײַדנשאפטלעכע — שווארצכיינעוודיקע, די סאמע געטרײַע — גרויע.

* * *

נאָך דעם, ווי גאָט האָט באשאפן דעם מאנצבל, האָט ער זיך אָפּגערוט; נאָך דעם, ווי ער האָט באשאפן די פרוי — האָבן אלע אָנגעווירן די רו.

* * *

א פולע קעשענע קאָן ניט פארפולן קיין פוסטן קאָפּ.

* * *

בעסער אויסהערן א דראָשע אָן אן אָנהייב, איידער אָן א סאָף.

* * *

די מאנצבלען האקן אָפּט אונטער די פרויען די פליגל און זאָגן דערנאָך, אז זיי זײַנען ניט קיין מאלאָכים.

* * *

ווען א פרוי צינדט אָן צו איר פופציקיאָריקן געבורטסטאָג צוואנציק ליכט, הייסט עס נאָך ניט, אז בא איר איז סקלעראָז.

* * *

דערפון, וואָס דער מענטש פארקירצט זיך די יאָרן, ווערט ער ניט ייִנגער.

* * *

קוקט ניט קרום אף קליינע מענטשן, זיי קאָנען אײַך העלפן זיך אופהייבן העכער.

* * *

ווען דער אייבערשטער לעבט אף דער ערד, וואָלטן די מענטשן אים אויסגעשלאָגן אלע פענצטער.

* * *

איר זאָלט ניט אָנציִען שטארק די סטרונעס, זיי קאָנען פלאצן.

* * *

צוליב דעם, מע זאָל בלײַבן אומשטערבלעך, דארף מען אָפּגעבן דאָס לעבן.

* * *

בלויז זייער שיינע פרויען קאָנען זיך פארגינען זײַן נארישע.

* * *

צו זיבעציק־אכציק יאָר זיך אוועקזעצן שרײַבן לידער איז זייער געפערלעך. עס איז קימאט דאָס זעלבע, וואָס אײַנליבן זיך אף דער עלטער אין א זעכצניאָריק מיידל.

* * *

אמאָל איז ארײַנציִען א מענטשן אין א בלאָטע שווערער, ווי אים ארויסשלעפן פון דאָרטן.

* * *

וועסטו זײַן א זיסער, וועלן דיך ווערעם אופעסן, וועסטו זײַן א ביטערער, וועט מען דיך אויסשפּײַען, טאָ סטארע זיך פּאָשעט זײַן א מענטש.

* * *

דאָס איז שוין ניט קיין מענטש — אן אָפּגעשלאָגענע הוישיינע.

* * *

מיט כאָכמע קאָן מען פאנגען א לייב. מיט־הוילן קויעך וועסטו אמאָל קיין פליג אף דער וואנט ניט הארגענען.

* * *

דער מענטש האָט אזויפיל געטרונקען פארן געזונט פון אנדערע, אז ער איז אליין קראנק געוואָרן.

* * *

דאָס ווערן זײַן קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט איז די גרעסטע נאַרישקייט.

* * *

א גאָלדן מענטשעלע — דאָרט, ווו ער איז דורכגעגאַנגען, האָט דאָס גראָז אופגעהערט וואַקסן.

* * *

א גוטן בוך שאַצט מען ניט לויט די טעווערעך, ווי א קלוגן מענטשן לויט דעם שניפּסל.

* * *

גוטס טאָן א מענטשן — פֿאַרטראַכט זיך ניט, שלעכטס טאָן — טויזנט מאָל באַטראַכט זיך.

* * *

ער האָט מורע געהאַט זיך נעמען אין די הענט — ניט געוואָלט זיי אויסשמירן.

* * *

די פֿרוי האָט זעלטן געלאַכט - זי האָט מורע געהאַט, קנייטשן זאָלן זיך אָפּלייגן אף איר פּאָנעם.

* * *

דער מענטש האָט פֿאַרמאָגט א גרויסן אווטאָמאָביל און א קליין נעשאָמעלע.

* * *

דער מענטש האָט נאָך אפילע ניט אויסגעבויט קיין פֿונדאַמענט און דראַפּעט זיך שוין אף די גלאַטע ווענט.

* * *

טייל פאנאנדער דײַן יערושע באם לעבן, ווען דײַנע יאָרשים ניט וואַרטן אף דײַן טויט.

* * *

מיט די עלנבויגן קאָן מען אמאָל זיך דורכשלאָגן א וועג, נאָר ווײַט וועסטו ניט אוועקגיין.

* * *

גיב דעם פאַרשוין די האנט, נאָר גלײַך אפן אָרט זאָלסטו איבערציילן, צי האָט ער דיר איבערגעלאָזט אלע פינגער.

* * *

די רײַכסטע מענטשן אף דער וועלט זײַנען ייִדן — פאר אלץ און פאר אלעמען צעצאָלן זיי זיך.

* * *

ער האָט נאָך געווּי ניט פעסטגעשטעלט, וואָס האָט ער אופגעטאָן אף דער וועלט, אף דער ערד, און פליט שוין אין די הויכע הימלען.

* * *

עס זײַנען דאָ מענטשן, וועלכע פאַרגעסן, ווער עס האָט זיי געשטעלט אף די פיס, און קריכן שוין אפן קאָפּ.

* * *

א באַרימער, א באַלגײַוועניק איז געגליכן צו א האָן: לייגן אייער קאָן ער ניט, נאָר קוקאַרעקען פרוּווט ער זיך.

* * *

דערמיט, וואָס איר וועט בא אן אייזל אָפשנײַדן די אויערן, וועט ער קליגער ניט ווערן.

* * *

א מוטער מיט אירע לאנגזאמע טריט קומט צו אירע קינדער אָפּטער, ווי די קינדער קומען צו דער מאמען אף זייערע גיכע אווטאָמאָבילן.

* * *

דער פארשוין וואָלט ניט געוועזן אזוי נאריש, ווען ער סטארעט זיך ניט ארויסווײַזן זײַן קלוגשאפט.

* * *

א קריטיק מויל העלפן ניט אפילע די גאָלדענע ציין.

* * *

יעדער בלעטל פונעם קאלענדאר נעמט אָפּ באם מענטשן א טאָג לעבן.

* * *

אדאנק זײַן קאפעליוש געדענקט ער, אז ער האָט א קאָפּ אף די פלייצעס.

* * *

זאָלסט ניט בוּיען דײַן גליק אף יענעמס אומגליק.

* * *

ער האָט זיך נאָך ניט ארופגעכאפּט אפן פערד, און שרײַט שוין: "וויאָ!"

* * *

אז מע לאָזט זיך שווימען, דאַרף מען האַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט, דערפאַר קענען קיין פרויען ניט שווימען.

* * *

פאַלן פאַלט דער מענטש אַליין, אָבער קעדיי זיך אופהייבן, נויטיקט ער זיך אין דער האַנט פון אַ גוטן פרײַנט.

* * *

איין האָר פון אַ מיידלס קאָפּ שלעפּט שטאַרקער, ווי צען אָקסן.

* * *

אַ וואָרעם קריכט אַרײַן אין כריין און מיינט, אַז קיין זיסערע זאַך דערפון איז אַף דער וועלט נישטאָ.

* * *

אַ גאָלדענע נעשאָמע — ער האָט נאָך ניט באַוויזן טאָן אַ מענטשן גוטס, ווי ער האָט שוין כאַראָטע.

* * *

די מויד איז געווען אַזוי פויל, אַז זי האָט זיך אַפילע געפוילט כאַסענע האָבן.

* * *

דער גליקלעכסטער מענטש אַף דער ערד איז געווען אָדאָם־האָרישן: ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

* * *

קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע קינדער לאָזן ניט לעבן.

* * *

זאָלסט קיינעם ניט מעקאנע זײַן — קינע עסט אוף פודנווײַז געזונט.

* * *

· איין פאָטער קאָן האָדעווען צען קינדער, צען קינדער קאָנען ניט האָדעווען איין פאָטער.

* * *

אן אייזל דערקענט מען לויט די אויערן. א נאר — לויטְ דער לאנגער צונג.

* * *

א נארישער קאָפּ ווערט קיינמאָל ניט גרוי.

* * *

אז גאָט וויל שטראָפן א מענטשן, נעמט ער בא אים אָפּ דעם סייכל.

* * *

א קינד איז אמאָל ערגער פון א גאזלען, און מע מוז נאָך טאנצן אף זײַן כאסענע.

* * *

יונגערמאן, וואָס שרײַט איר אזוי שטארק, וואָס רײַסט איר אײַן וועלטן, ·מע זעט דען גלײַך ניט, סארא פאסקודניאק איר זײַט?

* * *

דער מענטש טראכט, און דער מאלכאמאָוועס לאכט.

* * *

איך וואָלט א באלן געוועןן האָבן א ווײַב, ווי די לעוואָנע: באנאכט זאָל זי אופגיין, און גאנצפרי זאָל זי ניט ווערן.

* * *

די פרוי איז שיין, מילד, רײַצנדיק, קאָלזמאַן זי עפנט ניט דאָס מויל.

* * *

באסיע האָט איבערגעלייענט א יאם מיט ליבע־ראָמאנען, טויזנט מאָל זיך באגאָסן מיט ביטערע טרערן, און אליין געבליבן אן אלטע מויד.

* * *

א זייגער איז בעסער, ווי געלט. געלט צעגייט זיך, און א זייגער שטעלט זיך אָפּ.

* * *

ניט שטענדיק איז אן אָפּטימיסט יענער, וואָס האָט די גאנצע צײַט א שמייכל אפן פאנעם. צײַטנווײַז איז דאָס פּאָשעט א נאר.

* * *

א גוטע דערציילונג דארף זײַן קורץ. א שלעכטע — נאָך קירצער.

* * *

היט אָפּ אײַער געזונט. איר קריגט עס ניט אין קראָם פאר קיין שום געלט.

* * *

קלוגע מענטשן ווייסן גוט, וואָס אזוינס איז נארישקײַט, דאָך באנארעשן זיי זיך גאנץ אָפּט.

* * *

אז א נאר ווארפט אַרײַן א שטיין אין גאָרטן, וועלן אים קיין צען כאַכאָמים ניט געפינען.

* * *

גלײַכער מיט א קלוגן פארלירן, איידער מיט א נאר געפינען.

* * *

נאראָנים דארף מען ניט זייען, זיי וואקסן אליין, ווי קראָפּעווע.

* * *

א זעעוודיקער קאָן אויך זײַן בלינד.

* * *

צווישן אלע מײַלעס, וואָס עס פארמאָגט א מענטש, איז אָבער די בעסטע מײַלע — א מענטש זאָל מען זײַן.

* * *

אף ווענמענס וואָגן מע פאָרט, אזא ניגן זינגט מען.

* * *

קומט מען אין באָד, דארף מען שוויצן.

* * *

די צײַט איז דער בעסטער דאָקטער.

* * *

איר פרעגט, וואָס ער האָט דערפון? קאדאָכעס אין א קליין טעפּעלע.

* * *

איר פרעגט, וואָס האָט ער פאַר דעם באַקומען? אכצן און דרייַצן, דאָס איבעריקע מינץ.

* * *

די צייַט מאַכט דעם מענטשן גרוי און אַלט.

* * *

היט זיך, מענטשן, פון גראַפאָמאַנען און טויגעניכטסן. זיי זייַנען פּעיִק אַף אַלץ.

* * *

דער פאַרשוין האָט זיך באַרויִקט: מע האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער.

* * *

געווען איז דאָס אַ גוטינק מענטשעלע, כאָטש לייג אים צו צו אַ מאַקע.

* * *

אַ לעץ, אַ באַדכן מאַכט דעם אוילעם פריילעך, און אַליין ליגט ער טיף אינדרערד.

* * *

אַבי געזונט, דאָס לעבן קאָן מען זיך אַליין נעמען.

* * *

אַ פערד פאָרט אַרום די גאַנצע וועלט און קערט זיך אום אַ פערד.

* * *

אף ניט צו גיין און ניט צו פֿאָרן דארף מען קיין כאראָטע ניט האָבן.

* * *

אבי יאָרן, צאָרעס וועלן אליין קומען.

* * *

אז מע לייגט זיך שלאָפֿן אָן וועטשערע, איז נידעריק צוקאָפּנס.

* * *

אז עס קומט צום לעבן, סטייען ניט קיין יאָרן.

* * *

א הונט שיקט מען ניט אין יאטקע נאָך פֿלייש.

* * *

אז איינעם איז באשערט דערטרונקען ווערן, ווערט ער דערטרונקען אין א לעפל וואסער.

* * *

א טויבער האָט געהערט, ווי א שטומער האָט דערציילט, אז א בלינדער האָט געזען, ווי א קרומער איז געלאָפֿן.

* * *

איבערגעקומענע צאָרעס איז גוט צו דערציילן.

* * *

איין פארשיווע שאָף קאָן קאליע מאכן די גאנצע טשערעדע.

* * *

וואָס זשע, איין רויטע קו איז דאָ אף דער וועלט?

* * *

אין פריידן איז א יאָר טאָג, אין ליידן איז א טאָג יאָר.

* * *

אַלטע, קראַנקע לײַט זאָלן גאָרניט געבוירן װערן.

* * *

אַ קאַץ זאָל האָבן פליגל, װאָלט זי אַלע שפּילפײגעלעך דערשטיקט.

* * *

אַ קינד אָן אַ פאָטער איז אַ האַלבער יאָסעם. אָן אַ מוטער — אַ גאַנצער יאָסעם.

* * *

דער הונט האָט געבילט, זיך געריסן פון דער קייט, מאַמעש געװאָרן אויס מענטש.

* * *

אַן איבערגעװאַקסענע מויד איז ענלעך אַף אַ פאַראַיאָריקן קאַלענדאַר.

* * *

מע האָט געװאַרט אַפן מאַלכאַמאָװעס, און עס איז געקומען אַ פּאָליצײסקי.

* * *

אַן אומגליקלעכער מענטש: דער שלימאַזל גייט אים נאָך פּוסטריט.

* * *

װאָס װייניקער מע רעדט, אַלץ געזונטער איז.

* * *

װען צװײ ליגנער קריגן זיך, קומט אַרויס דער עמעס.

* * *

זיך אָפּגעבריט אַף הייסן, בלאָזט מען אַף קאַלטן.

* * *

די אויגן זײַנען באַ אים גרעסער, װי דער מאָגן.

* * *

אף דרײַ זאכן שטייט די וועלט: אף טוירע, אווידע און וויסן.

* * *

ווילסטו שטראָפן א מענטשן, וואש אויס פריִער די אייגענע הענט.

* * *

אז אן אלטער נעמט א יונגע מויד, ציטערט אף אים די הויט.

* * *

בעסער צען מאָל איבערפרעגן, איידער איין מאָל בלאָנדזשען.

* * *

בעסער א מיִעס ווײַב פאר זיך, איידער א שיינע פאר יענעם.

* * *

די אויערן מוזן הערן, וואָס דאָס מויל רעדט.

* * *

פאר געלט קריגט מען אלץ, אָבער ניט קיין סייכל.

* * *

ער איז געבליבן מיטן בײַטש און האלט זיך נאָך אלץ פאר א שטיקל באלעגאלע.

* * *

גאָטעניו, א וועלט האָסטו באשאפן — אזא יאָר אף מיר, נאָר פירן פירט זי זיך — אזא יאָר אף אונדזערע סאָנים.

* * *

אָן מאזל זאָל מען גאָרניט געבוירן ווערן.

* * *

די גרינגסטע זאך איז געבן יענעם אן אייצע. די שווערסטע זאך — זיך אליין.

* * *

מיט קיין קאץ שיקט מען ניט קיין שאלעכמאָנעס.

* * *

וואָס קלענער דער אוילעם, איז גרעסער די סימכע.

* * *

ווער עס שלאָפט לאנג, האָט קורצע יאָרן.

* * *

פון קרומע שידוכים קומען אָפט ארויס גלײַכע קינדער.

* * *

ער זעט אויס, ווי אן אָפּגעשלאָגענע הוישיינע.

* * *

דאָס לעצטע העמד פארזעצן, נאָר א נאָגיד זאָל מען זײַן.

* * *

אף קיין צעריסענער פרײַנטשאפט קאָן מען קיין לאטע ניט לייגן.

* * *

אין דער יוגנט איז ער געווען א בעהיימע, אף דער עלטער — א פערד.

* * *

גיב דעם בער א קליפּע א ווײַב — וועט ער אויך אופהערן טאנצן.

* * *

א מאָדנער פארשוין: וואָס ער זאָגט — מיינט ער ניט, וואָס ער מיינט — זאָגט ער ניט.

* * *

א מאָדנע בריִע: ווו מע זייט אים ניט, דאָרט וואקסט ער אויס.

* * *

אז מע קאָן ניט טאנצן, זאָגט מען, אז די קלעזמער טויגן ניט.

* * *

פרעג אן אייצע בא יענעם, נאָר האָב אליין א קאָפּ אף די פלייצעס.

* * *

בייס מע גאָלט זיך, טאָר מען ניט ריידן, דערפאר וואקסן ניט בא די פרויען קיין בערד.

* * *

מע דארף ניט זײַן הויך, מע זאָל זײַן גרויס.

* * *

ווען אלע מענטשן ציִען אף איין זײַט, וואָלט די וועלט זיך שוין לאנג איבערגעקערט.

* * *

ווען דער כאזער וואָלט געהאט הערנער, וואָלט די ערד פון קיין רו ניט געוווּסט.

* * *

פון איין אָקס וועסטו קיין צוויי פעלן ניט שינדן.

* * *

וואָס קומט ארויס פונעם שיינעם עפּעלע, אז עס האָט א ווערעמדיק הערצעלע.

* * *

וויאזוי וועסטו זיך אויסבעטן, אזוי וועסטו שלאָפן.

* * *

ווילסטו פּאָטער ווערן פון א פרײַנט, אנטלײַ אים געלט.

* * *

א בעהיימע האָט א לאנגע צונג און קען קיין שויפער ניט בלאָזן.

* * *

א שאמעס בא א ראָוו קען אויך פאסקענען שײַלעס.

* * *

יאָג זיך ניט נאָך קאָוועד, וועט ער אליין צו דיר קומען.

* * *

רײַך איז יענער, ווער עס איז צופרידן מיט זײַן גוירל.

* * *

א נעמער איז לאכלוטן ניט קיין געבער

* * *

זאָל זײַן די ערגסטע צאָרע, נאָר ניט קיין בייז ווײַב.

* * *

א נישטיקײַט האָט זיך מיט די עלנבויגן דורכגעשלאָגן אין אויבנאָן און פראוועט פון זיך א "יא טאָבי דאם".

* * *

פארוואָס רויכערן אזויפיל מענטשן? זיי דאכט זיך, אז זיי האָבן נאָך ווייניק ביטערקײַט פארזוכט אף זייער לעבן.

* * *

אויך מיט קרומע פיס קאָן מען גיין אפן גלײַכן וועג.

* * *

א בייזער קריטיקער קאָן ניט קוקן אף קיין גוטן בוך, ווי א מיעסע פרוי קאָן ניט קוקן אף קיין שיינער.

* * *

טשעפּע ניט דעם עמעס: ער בײַסט זיך.

* * *

צוליב וואָס דאַרף מען קלוגשאַפט, אַז אַרום געוועלטיקט נאַרישקייט.

* * *

פון זײַן פּלאַפּלערײַ קאָן מען טראָגעדיק ווערן.

* * *

טאַנץ ניט אײנצײַטיק אויף צוויי כאַסענעס.

* * *

דער פאַרשווין איז געווען פון יענע רעדנער, וואָס שיטן מיט פײַערדיקע ווערטער און גיסן קאַלטע וואַסער.

* * *

א טאַלאַנטפולער שרײַבער איז בא גאָט אַן אויסדערוויילטער, ווי אַ מאַלעך, דערפאַר טראַכט ער ניט אים באַזאָרגן מיט אַ שטיקל ברויט.

* * *

אויך צווישן נאַראָנים געפינט זיך אַמאָל אַ קלוגער — דער, וואָס שווײַגט.

* * *

רוף אים ניט פערד — אַ פערד וועט אַזעלכע נאַרישקײַטן קיינמאָל ניט טאָן.

* * *

דער באָכער איז געוואָרן אויף אַ יאָר עלטער, נאָר ניט אויף קיין לויט קליגער.

* * *

אַן אַעראָפּלאַן אין הימל האָט דאָרטן אַ בעסערן גרונט, ווי אַ לופט־מענטש אויף דער ערד.

* * *

ער באָדט זיך אין גאָלד און איז ניט ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן.

* * *

א שיין פּאָנעם ענדערט זיך מיט דער צײַט, א גוט הארץ — קיינמאָל ניט.

* * *

קראנקע מענטשן קאָנען לעבן אָן דאָקטוירים, דאָקטוירים אָן קראנקע מענטשן — ניט.

* * *

ווען מוישע ראביינו האָט גערעדט מיט גאָט אפן בארג סינײַ, האָט ער אָנגעטאָן א מאסקע. איצט זײַנען אלע, וואָס ריידן מיט גאָט, פארמאסקירט.

* * *

עמעצער הייסט דיר זיך אָנבייגן, מינאסטאם וויל ער אף דיר פאָרן רײַטנדיק.

* * *

בעסער דאָס קינד זאָל וויינען, איידער די עלטערן.

* * *

בעסער איז א ניט שיינער עמעס, ווי א שיינער ליגן.

* * *

בעסער געבן דעם בעקער, איידער דעם דאָקטער.

* * *

פארוואָס פארמאכט דער האָן די אויגן, ווען ער קוקארעקעט? קעדיי די וועלט זאָל זען, אז ער ווייסט עס אף אויסווייניק.

* * *

אז מע גאנוועט ארויס די פערד, פארמאכט מען די שטאל.

* * *

א טראָפּן ליבע ברענגט אָפּט א יאם טרערן.

* * *

אין א ברייט צעעפנטער טיר איז גרינג ארײַנגיין, אָבער שווער ארויס.

* * *

ווען ריידן איז א מעלאָכע, וואָלטן מענטשן געגאַן אָנגעטאָן אין גאָלד.

* * *

אז מע פארזייט מיט טרערן, שנײַדט מען מיט פרייד.

* * *

ארבעט איז די בעסטע רעפּוּע קעגן קרענק.

* * *

דער מאן רעדט אײַן דער פרוי, אז אין גאניידן איז זייער גוט, זייער שיין. זי זאָגט, אז זי איז מיט אים מאסקים, נאָר זאָל ער פריער גיין אהין אף א ראזוועדקע און דערנאָך קומען און איר דערציילן פּאָדראָבנע.

* * *

די פרוי זאָגט, אז זי וואָלט מיט פארגעניגן זיך אוועקגעלאָזט אין גאניידן, נאָר וואָס זשע, דער ארײַנגאנג אהין געפעלט איר ניט.

* * *

אזויפיל מענטשן קענען אָנשרײַבן און אזוי וויניק קאָנען שרײַבן.

* * *

פאראן שרײַבער, וועלכע ווארטן אף טויט — עפשער וועט אמאָל א פּאָרשער זיי ברענגען צום לעבן.

* * *

א גרויסער שרײַבער איז אײנציײטיק אויך אן אלכימיקער: פון שווארצן טינט שאפט ער גאָלדענע ווערק.

* * *

איידער איר בעט בא אײַער פרײַנט א האלוואָע, באשליסט: וואָס איז אײַך טײַערער, דאָס געלט צי אײַער פרײַנט?

* * *

די לעוואָנע איז געגליכן צו אן אומשולדיק מיידל. ווען זי קומט צו א געוויסן פונקט, נעמט זי זיך רויטלען.

* * *

דער הונט בילט, און די טשערעדע גייט ווײַטער.

* * *

אָן א שיר פליכעס זעט מען אין זאל, נאָר ניט קיין קעפּ.

* * *

פעטער, וואָס טומלט איר אזוי שטארק, מע זעט דען ניט, אז איר זײַט א גאָרניט מיט א נישט?

* * *

זײַן ווײַב איז א מעסוקענע אויסברענגערן. פאר איין טאָג קאָן זי אויסברענגען אזויפיל קלאָלעס, וואָס וואָלט בא אן אנדערער געסטײַעט אף א גאנץ יאָר.

* * *

די פרוי האָט מוירעדיק געררויכערט. פון איר האָט געטראָגן א שרעקלעכער רייעך פון טוטין. אז איר האָט זיך מיט איר באגעגנט, האָט זיך אײַך געקאָנט דוכטן, אז איר האָט זיך באגעגנט מיט א טוטין־פאבריק.

* * *

א געוועזענער סאָלדאַט האָט זיך באַרימט: איך טראָג אויף מײַנע שטיוול דעם שטויב פון אַ סאַך דורכגעגאַנגענע וועגן. איז דען ניט צײַט פאַר די פּופּציק יאָר נאָך דער מלחמה אויסצופּוצן דײַנע שטיוול?

* * *

אויב דו שרײַסט און גוואַלדעוועסט ביז אַ סיכסעך, איז עס דער בעסטער סימען, אַז דו ביסט ניט גערעכט. אויב דער עמעס איז אויף דײַן זײַט, דאַרפסטו ניט שרײַען. דער עמעס רעדט פאַר זיך.

* * *

אין יענע ווײַטע צײַטן האָבן אונדזערע אָוועס געשריבן קורץ, זיי האָבן ניט געהאַט אַזויפיל פּאַפּיר, ווי מיר האָבן.

* * *

גאַטעניו, אַזויפיל שטילע, באַשיידענע, גוטהאַרציקע מיידלעך אויף דער וועלט, פונוואַנען נעמען זיך בייזע ווײַבער?

* * *

א רענדל אַ וואָרט! — האָט אויסגעשריגן דער שרײַבער לייבענזאָן און אָנגעשריבן אַ נודנעם בוך אויף זעקס הונדערט זײַטן.

* * *

אויף זײַן זאַט, קײַלעכיק, פולן פּאָנעם האָט שטענדיק אַרומגעבלאָנדזשעט אַן עקלדיק־נאַריש שמייכעלע פון אַ פאַרענדיקטן אידיאָט, און אַלע טירן זײַנען פאַר אים געווען אָפן. ווען האָט זיך געוואָלט אָנהייבן מיט אַזאַ פּאַרשוין? ניט אַנדערש, האָט מען געטראַכט, אַז ער האָט אַ צײַגעניש פון דער פּסיכיאַטרישער קליניק,

אז דער פֿאַרשווין איז פֿאַר זײַנע טאַטן ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך.

* * *

פֿון איר מויל האָט געזועצט אַ מוירעדיקער פֿאָנטאַן סינע, שמוץ, קויט, גלײַך ווי אַ קאַנאַליזאַציע־רער וואָלט ערגעץ געפּלאַצט.

* * *

א גוט וואָרט איז פּעיִק היילן. עס איז אָבער אויך פּעיִק דערהאַרגענען.

* * *

ווען די קליפּע האָט צעעפֿנט איר מײַלעכל, האָבן די אַרומיקע שוין געוווּסט, אַז באַלד וועט אַ זעץ טאָן אַ קוואַל פֿון אומרייניקײַטן, מעסירעס און פּליאָטקעס.

* * *

ניט איבערגעלייענטער בוך איז ענלעך אין אַ מיידל, וואָס איז פֿאַרבליבן אַן אַלטע מויד, ניט כאַסענע געהאַט און ניט פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון ליבע.

* * *

א מענטש דאַרף טרוימען, אַ מענטש מוז טראַכטן, אַ מענטש מוז לאַכן — אויב דאָס אַלץ איז אים פֿרעמד, וואָלט ער בעסער געדאַרפֿט געבוירן ווערן אַ פֿערד אָדער אַן אייזל, וואָלט ער געבראַכט דער וועלט מער נוץ.

* * *

לאָזט ניט אַראָפּ די קעפּ, טרײַבט פֿון זיך די מאָרעשכוירע, פֿאַרגעסט ניט, אַז דרײַ מינוט געלעכטער פֿאַרלענגערט אײַך דאָס לעבן אויף דרײַ יאָר!

# יידישע קלאָלעס

* * *

זאלץ אים אין די אויגן, פעפער אים אין דער נאָז, שטיינער אים אפן הארצן, א ווייטיק אים אין בויך, א שטעכעניש אים אין די געדערים, א ברעכעניש אין די ביינער, א בײַסעניש אין לײַב, דראפּען זאָל ער זיך אף די גלאטע ווענט...

* * *

זאָלסטו פארמאָגן הונדערט פּאלאצן, און אין יעדן פּאלאץ הונדערט צימערן, און אין יעדן צימער הונדערט בעטן, און די כאָליערע זאָל דיך מאָרדעווען פון איין בעט אפן אנדערן.

* * *

גאָט זאָל דיר שיקן אלע פּארעס מאקעס.

* * *

א קאזארמע זאָל אף אים אײַנפאלן.

* * *

אלע מײַנע צאָרעס אף זײַן קאָפּ.

* * *

וואָס עס האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאכט, יענע נאכט און אלע נעכט פון א גאנץ יאָר, אף זײַן קאָפּ, אף זײַנע הענט און פיס, אף זײַן לײַב און לעבן.

* * *

זאָל עס אים אָנגיין כאָטש א צענט כיילעק, וואָס איך ווינטש אים, דעם מיִעסן פּאסקודניאק.

* * *

א שווארצער יאָר אף אים.

* * *

א קלאָג זאָל אים נעמען.

* * *

ברענט ער אפן ליכטיקן פייַער.

* * *

ברענט אף אים די פעל.

* * *

כאסענע האָבן זאָל ער מיט מאלכאמאָוועסעס טאָכטער.

* * *

שטיינער זאָל ער האָבן, ניט קיין קינדער.

* * *

א שווארץ קוויטל זאָל ער ארויסשלעפּן.

* * *

געשוואָלן זאָל זי ווערן, ווי א בארג.

* * *

אויסדארן זאָל בא אים דער מויעך.

* * *

לאכן זאָלסטו מיט יאשטשערקעס.

* * *

פויזען פון ווייטיק זאָל ער איבער דער ערד, שרײַען זאָל ער אף די ציין, עס זאָל מיט אים מאָרדעווען, ווי אין א קאדאָכעס, ריידן זאָל ער פון היץ, מאכן זאָל ער מיט די זײַטן, טרינקען זאָלן אים פיאווקעס, געשוואָלן און געדראָלן זאָל ער ווערן, ווי א פויק, אויסגעדארט און אויסגעטריקנט זאָל ער ווערן, ווי א מעס, שטום און בלינד זאָל ער ווערן אף אייביק, א הילצערנע שטים זאָל ער באקומען, גאָטעניו!

* * *

א ווּיסטע פּעגירע אף אים.

* * *

ווערעם זאָלן אים עסן לעבעדיקערהייט.

* * *

עס זאָל בא אים אָפּגענומען ווערן דאָס לאָשן.

* * *

דאָס מויל זאָל זיך בא אים שטעלן אף א זײַט.

* * *

גיין זאָל ער אף קוליעס.

* * *

אזעלכע, ווי ער, זאָל מען געדיכט זייען, און זיי זאָלן שיטער אופגיין.

* * *

צען שיפן מיט גאָלד זאָל ער פאַרמאָגן, און דאָס גאַנצע גוטס זאָל ער פאַרקרענקען.

* * *

זאָלן בא אים אַרויספאַלן אַלע ציין, און איין צאָן זאָל פאַרבלײַבן אויף ציינווייטיק.

* * *

זאָל ער האָבן, וואָס זײַן האַרץ גלוסט, נאָר ער זאָל זײַן געליימט אויף אַלע אייוורים, ער זאָל ניט קענען רירן מיט דער צונג, עפּעס נעמען אין די הענט.

* * *

ער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הענג־לײַכטער: באַטאָג זאָל ער הענגען, און באַנאַכט זאָל ער ברענען.

* * *

אַרויסשלעפּן זאָל מען בא אים די קישקעס פון בויך, און אַרומוויקלען זאָל מען זיי אַרום זײַן האַלדז.

* * *

ער וואָלט געמעגט זײַן אויף אַ קאָפּ קירצער.

* * *

בעסער זאָל איך זײַן אַן אַלמאָנע נאָך אים, איידער ער זאָל מאַכן מײַנע קינדער פאַר יעסומים.

* * *

גאָט זאָל אים העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס.

* * *

ער זאָל זיך הענגען אף א צוקער־שטריק, ער זאָל האָבן א זיסן טויט.

* * *

עס זאָל אים דונערן אין די ציין, ער זאָל מיינען, אז ער קנאקט ניס.

* * *

דאָס, וואָס האָט געזאָלט זײַן מיר, זאָל אויסגיין אף זײַן קאָפּ, אף זײַנע הענט און פיס, אף זײַן לײַב און לעבן.

* * *

ארויסקריכן זאָלן בא אים די אויגן פונעם קאָפּ.

* * *

אויסקרענקען זאָל ער דער מאמעס מילך, זאָל ער איַינעמען א מיסע מעשונע, אָפּנעמען זאָל עס בא אים די הענט און די פיס.

* * *

זאָל דאָס אים אָנקומען, וואָס איך ווינטש אים.

# נאָכוואָרט

טײַערע לייענער!

איך האָב אײַך דאָ געבראַכט, ווי איר זעט, א גאַנץ פּעקל קורצע געשיכטעס, אפאָריזמען, שפּריכווערטער, וויצן, קלאָלעס פון מײַנע נאָטיץ־ביכלעך, זאַכן, וואָס איך האָב באַגעגנט אף מײַן וועג איבער שטעט און שטעטלעך, לענדער און מעדינעס, וווּהין דער גוירל האָט מיך פאַרוואָרפן, און וואָס איך האָב געהערט, צונויפגעזאַמלט און פאַרשריבן.

דאָס איז בלויז א קליינער טייל.

ערשטנס האָב איך געוואָלט, איר זאָלט האַנאָע האָבן, בעשאַס איר וועט דאָס לייענען, פאַרגעדענקען.

צווייטנס — איר זאָלט זען, ווי פּרעכטיק, רײַך, קלוג, שאַרפזיניק איז אונדזער פאָלקס־אוצער, אונדזער יידישער פאָלקלאָר, אונדזער פאָלקס־שאַפונג, אָט דער אומויסשעפּלעכער גלענצנדער קוואַל פון אונדזער מאַמע־לאָשן, פון אונדזער רײַכער, וווּנדערלעכער יידישער שפּראַך, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן א גרויסן טייל פון דעם לאָשנקוידעש, פון דער ביבלישער שפּראַך — איווריט, וואָס איז אונדז אזוי האַרציק ליב און נאָענט, ווי אונדזער צווייטע נאַציאָנאַלע שפּראַך — יידיש.

דערצו נאָך האָב איך אײַך געוואָלט דערמאָנען שאָלעם־אַלייכעמס גאָלדענע ווערטער, וואָס קלינגען אַן ערך אזוי:

"א לאַנגע דראָשע פונעם שענסטן באַל־דאַרשן ווערט אונדז אָפּט נימעס צו הערן.

נאָר קיינמאָל דערעסן נישט די קלוגע, שאַרפע

שפּריכווערטער, אפאָריזמען, וועלכע גיבן געטרײַע
אייצעס, וואָס קומען אונדז צוניץ און וועלכע צווינגען
אונדז ערנסט זיך פאַרטראַכטן.״

צוליב דעם טאַקע ווילט זיך אײַך געבן אַן אייצע:
לייענען דאָס קליינע ביכעלע ניט געײַלט, זיך
אַרײַנטראַכטן אין יעדער שורע.

# א י נ ה א ל ט


| | |
|---|---|
| עטלעכע ווערטער פונעם אווטאָר | 3 |
| שטאַרקער פון אײַזן | 7 |
| סקלעראָז | 7 |
| עס האָט געקאָנט זײַן ערגער | 8 |
| א צופאל אפן פעראָן | 8 |
| אויס שידעך | 9 |
| פארוואָס זײַנען די בלעטלעך אָפּגעשוואכט? | 10 |
| א קײַלעכיקער יאָסעם | 10 |
| איבערגעקערט דעם פעלץ | 11 |
| דער בייזער זיידע | 12 |
| אפאָריזמען. שפּריכווערטער. | |
| אנעקדאָטן. וויצן | 13 |
| יידישע קלאָלעס | 39 |
| נאָכוואָרט | 44 |

*Літературно-художнє видання*

**ПОЛЯНКЕР Григорій Ісакович**

БІЛЯ ДЖЕРЕЛА

Із записної книжки

Прислів'я, афоризми

Єврейською мовою */ідиш/*

Редактор С. І. Вайнблат
Технічний редактор Р. М. Кучинська
Коректор Н. І. Крилова

Здано до складання 27.12.94. Підписано до друку 04.01.95. Формат 70x90 1/32. Папір газетний. Друк офсетний. Умовн. друк. арк. 1,76. Умовн. фарб.-відбит. 1,91. Ум.-вид. арк. 0,85. Зам. № 11216.

Всеукраїнське державне багатопрофільне видавництво "Маяк"
270001, Одеса-1, вул. Жуковського, 14.

АТ Одеська книжкова фабрика
270008, Одеса-8, Дзержинського, 24.

**Полянкер Г. І.**

П 54 Біля джерела. Із записної книжки: Прислів'я, афоризми. — Одеса: Маяк, 1995. — 48 с.

ISBN 5-7760-0524-8

До збірки увійшли короткі історії, прислів'я, афоризми, анекдоти, жарти із записної книжки відомого єврейського письменника Г. Полянкера. Вони являють собою справжнє джерело народної мудрості.

П $\frac{4702210206-001}{217-95}$ **Без. огол.**

**ББК 84.4.УКР–ЄВР6**

**УДК 830.088 (47+57).31**

43/32

A26325